— מע נעמט גוטן רייוואַרג און נאָכן פאַרבן באַקומט זיך דאַס לעדער מיט פלעקן.

כאַוועד שיינין איז ניט ווייניקער אופגערעגט, ווי די אַרבעטער, וואָס האָבן אים געשיקט אהער. ער איז אליין א שוך-אַרבעטער און פאַרשטייט, וואָס דאָס הייסט כראָוויסלאָזן בראַקירטע סכוירע. די אַרבעטער קויפן אין „צעאַרבקאָאָפּ" די שיך און האָבן טיינעס,— שלעכטע שיך.

זיינע טיינעס זיינען דורכויס גערעכטע. עס ווייסן דאָס אויך די אַרבעטער פונעם קלינציער לעדער-זאַוואָד. זיי פּרוּוון זיך פאַרענטפערן. ניין, זיי מיינען ניט צו זאָגן, אַז בײַ זיי איז קיין בראַק ניטאָ. בראַק איז דאַפּקע פאַראַן. נאָר וואָס זיינען זיי שולדיק, אז דער בראַק פאַלט אריין דאַפּקע אין כאַרקאָוו?

— דער לעדער-סינדיקאַט פאַרטיילט דאָך די סכוירע!

נאָר זיי פאַרשטייען, אַז ס'איז א שוואַכער טערעץ. זיי ווייסן,— און וועגן דעם האָט מען גערעדט אַף די לעצטע פּראָדוציר-באַראַטונגען,— אז מע דאַרף דערפירן דעם בראַק ביזן מינימום, אַז דער קלינציער לעדער-זאַוואָד, וואָס האָט אנגענומען דעם געוועט מיט די לעדער-זאַוואָדן אין אָסטאַשקאָוואַ און אין מאָסקווע, דאַרף זיך א נעם טאָן און אַ כאַפּ מאַכן צו דעם צו-גרויסן פּראָצענט-בראַק.

כאַוועד שיינין האָט אָבער אַן אנדער טיינע: ער האַלט, אז דער זאַוואָד אליין שיקט זיין שלעכטע פּראָדוקציע אין כאַרקאָוו, און די גוטע שיקט ער אין מאָסקווע, לענינגראַד און אין ראָסטאָוו-דאָן.

— וואָס זשע, אוקראַינע איז דען ניט קיין סאָציאַליסטישע ראַטנרעפּובליק?

דאָס רעגט שוין אויף אייניקע כאַוויירים:

— וואָס הייסט, זיי ווייסן דען ניט? און ביכלאַל איז זיי אין קאָפּ אַזאַ נאַרישקייט ניט איינגעפאַלן. שולדיק איז דער סינדיקאַט.

דער קריג ענדיקט זיך דערמיט, וואָס מע האַלט אָפּ א געמיינזאַמע זיצונג פון דער אדמיניסטראַציע, זאַווקאָם, צוזאַמען מיט די שעלוכים פון דער כאַרקאָווער שוך-פאַבריק.

* *
*

דער אַלטער סאָסנע-וואַלד האָט זיך העל געגרינט אין דער פרישער מיי-זון. די העלע קרעמפאַרביקע זאַמד אונטן האָט אין זיך שוין איינגעזאַפּט די לעצטע פרילינג-וואַסערן, און פונויבן האָבן שטיל גערוישט מיט סכאַך די שפּיצן סאָסנעס.

דער סאָסנע-וואַלד איז אַלץ געשטאַנען ארום קלינצי, ווי אַף דער וואַך.

בײַם טייכל האָט אַן אַלטער ייד ווידער אופגעשטעלט זיין איינגעפאַלענעם פאַרקאַן. אַף די ווענט פון זיין הייזקע איז הויך פאַרבליבן א נאַסער סימען פון די אָפּגעלאָפענע וואַסערן. טוראָסנע איז אריין אין אירע ברעגעס.

און בײַ די ברעגעס האָבן ווי פריער געראַכערט די פאַבריק-קוימענס פון די קלינציער פאַבריקן. דורך די פענצטער האָט זיך געטראָגן דאָס אופציטערנדיקע געקלאַפּערײַ פון די וועב-שטולן, דער אָרגאַניזירטער גאַנג פון די מאַשינעס.

אַלץ מער און ברייטער האָט זיך צעגאָסן דער סאָציאַליסטישער געוועט, אַלץ אינטענסיווער און טיפער איז געוואָרן דער אָרגאַניזירטער מאַרש פון די קלינציער פּראָלעטאַריער.



# אַפן ליטעראַריש-קינסטלערישן פראָנט

די רויטע וועלט 1929, נומ' 8

## פון נאַציאָנאַלן טרויער צו סאָציאַלן מוט

(פערעץ מאַרקיש. „דאָר-אויס, דאָר-איין").

י. נוסינאָוו

### I

איצט איז שוין קלאָר, אז די העגעמאָניע פונעם ליד אין דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור האָט זיך גענומען דערפון, וואָס „ס'איז צעפאַלן דער בונד פון צייטן" („האַמלעט"); ס'איז פאַר דער ליטעראַטור, ווי פאַר האַמלעטן, שווער און ביז אַ צייט אַפילע אומעגלעך געווען אָנקניפן צוריק אָט דעם בונד.

דער בעלעטריסט גיט אַ פּראָצעס. דער דיכטער קאָן זיך באַגרענעצן מיט א איבערלעבונג, מיט אַ שטימונג. דער פּראָזאיקער איז דעריבער מאַכטלאָז געווען, ביז דער בונד פון צייטן האָט זיך ווייטער אָנגעקניפּט, ביז פּראָצעסן האָבן זיך אויספּאָרמירט, ביז נייע לעבנס-פאָרמען האָבן זיך אויסקריסטאַליזירט. ביז דעמאָלט האָט געהערשט בלויז דער דיכטער.

דער דיכטער האָט אין אויג געהאַט אַלע גרונט-פּראָצעסן און הויפּט-פּראָבלעמעס פון דער עפּאָכע; ער האָט אפילע קימאַט געזעען די הויפּט-געשטאַלטן פון דער עפּאָכע, נאָר ווייזן זיי איז ער ניט בעקויעך געווען.

די דיכטונג האָט פאָרמולירט טעמעס; זי האָט געשריבן וועגן אָקטיאַבער, מאָסקווע און קאָמינטערן, וועגן שטאָט, וועגן צעפאַלענע און ניט-אויסגעבויטע וועלטן, וועגן פּאָגראָם, יערושע פון דוירעס און ויידנס מיטוואָך, צומאָל איז עס געווען ריטאָריק פון „באַזינגער", נאָר אויך דאָס „באַזינגען" האָט ניט פאָרגעשטעלט קיין יוגנט- און פּאָזע-זינד פון דיכטער. אין בעסטן פאַל איז עס געווען דיכטערישער „ווייי- און מוט". די געשטאַלטן, די פּראָבלעמעס פון אונדזער צייט זיינען בלויז פאַרצייכנט, נאָר ניט פאַרקערפּערט געוואָרן. דאָס מינערט דאָך ניט דעם גרויסן באַדייט און אויסשליסלעך הויכן ווערט פון אונדזער דיכטונג פאַר יענע צען יאָר.

קעדיי שאַפן פולע געשטאַלטן, איז נויטיק געווען, ס'זאָל קומען די מער סטאַבילע צייט, די קאָנסטרוקטיווע צייט. דעמאָלט איז ניט בלויז געקומען פּראָזע, נאָר אויך די דיכטונג האָט אופגעהערט זיך באַגרענעצן מיט אַ איבערלעבונג, אָדער מיט אַ שטימונג; זי האָט אָנגעהויבן געבן פּראָצעסן.

פאַר די יאָרן האָבן מיר ל. קוויטקאָס „יונגע לייעס" — אַן אַרבעט נאָך אַלץ ניט קיין פאַרענדיקטע, נאָר וואָס צילט צו געבן אַן עפּאָפּעיש געשטאַלט; א. כאַריקס

„מיט לייב און לעבן“, וואָס פאַרבינדט צוויי טעמעס — דאָס שטעטל און די לערערן — די טרעגערן פון נייעם לעבן אין שטעטל; א. קושניראָוו „הירש לעקערט“ — די דיכטערישע איבערשאַצונג פון אַ גרויס בלעטל פון אונדזער רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט אין שיין פון אונדזער אָקטיאַבער און נאָך אָקטיאַבער סאָציאַלער דערפאַרונג. דערנאָך קומט דער טאָמיד מער אַקטיווער, מער אימפּולסיווער פערעץ מאַרקיש מיט זיין פּאָעמע „ברידער“.

מאַרקיש בלייבט שוין אָבער ניט בלויז דיכטער; ער קומט שוין אויך ווי אַ פּראָזאַיקער; גלייך מיט „ברידער“ שאַפט ער זיין ראָמאַן „דאָר־אויס, דאָר־איין“.

מאַרקיש, וואָס האָט פאַר די יאָרן, זינט ער איז צוריקגעקומען קיין ראַטנפאַרבאַנד, געגעבן אַזעלכע באַדייטנדיקע ווערק וועגן אונדזער היינט, ווי „כאַרקאָוו“, „ניט־געדייגעט“ — קערט ער זיך ווידער אום, אין זיינע לעצטע צוויי ווערק, צו טעמעס פון בירגער־קריג.

שוין אין „כאַרקאָוו“ און אין „ניט־געדייגעט“ איז געווען א נייער וויכטיקער און פריידיקער שטריך אין מאַרקישעס שאַפן: ער האָט אָפּט ניט אזוי אויסגעדיכטעט א איבערלעבונג, ווי „אויסגעגלידערט „טעמעס“.

מאַרקישעס „קופּע“ האָט געוויס בעייס איר דערשיינען אָביעקטיוו געהאַט אַ רעוואָליוציאָניזירנדיקן באַדייט. זי האָט ניט באַווינט די „קדושים“, נאָר אויסגערופן, אַז — ס'שטינקט פון זיי. דאָ איז געווען דרייסטקייט פון א מאַטעריאַליסט, וואָס זאָגט זיך אָפּ צו גיין צום פאָלק, ווי צו אַ איבעריקער קאַטעגאָריע, ווי צו דער טרעגערן פון אבסאָליוטע נאַציאָנאַלע עמעסן. דער נאַטוראַליזם דינט דאַן, קעדיי אונטערשטרייכן די נעגאַציע צו דעם נישטיקן לעבן און אומווירדיקן טויט פון די אומגעקומענע. דערפאַר אָבער, ווען מאַרקיש האָט צו דער „קופּע“ צונויפגערופן אלע געטער און זיי אומגעקערט זייערע טויערס, — איז עס געווען בלויז א שרייבערישע טעמע; דאָס איז אפילע ניט געווען קיין שטרייט מיט גאָט, קיין גאָטלעסטערונג, פּאָשעט דערפאַר, ווייל ניט מאַרקיש און ניט זיינע לייענער גלויבן מער ניט אין גאָט. דעריבער איז דער גאָט־קעמפערישער טייל געווען דעריקער א אינסצעניִרונג.

גרויסע ווערק זיינען אַלעמאָל געשאַפן געוואָרן פון שרייבערישע לעבנס־געשטאַלטן, לעבנס־איבערלעבונגען. טעוויע און מענאַכעם־מענדל זיינען שאָלעם־אַליי־כעמס לעבנס־באַגלייטער, מיילעך מיט כאַיעם־מוישען („אָפּגאַנג“) זיינען ד. בערגעלסאָנס לעבנס־באַגלייטער. גרויסע שרייבער קערן זיך אום, דערעכאַגעוו, צענדליקער מאָל צו איין־און דעמזעלביקן געשטאַלט, האַגאָם, זיי גיבן אים אונטער פאַרשיידענע נעמען, און פרווון שאַפן פאָר אים פאַרשיידענע סיטואַציעס.

אונדזערע יידישע סאָוועטישע שרייבער האָבן נאָך, בעדערעכקלאַל, ניט איבעריקס אַנטפּלעקט זייערע לעבנס־באַגלייטער. די הויפּט־שוואַכקייט פון אונדזערע שרייבער באַשטייט נאָך אַלץ דערין, וואָס זייערע ווערק זיינען אָפּט ניט די אנטפּלעקונג פון זייערע טעמעס, נאָר די מער אָדער ווייניקער קינסטלערישע באַאַרבעטונג פון פאַר עמעצן מעגלעכע טעמעס.

עפּשער האָט פערעץ מאַרקיש ניט מער פון אנדערע שרייבער דערמיט געזינדיקט. באַ אים האָט עס מער זיך געוואָרפן אין די אויגן, אַז ס'איז אינסצעניִרונג; אזוי



ווי „דאָס וואָכיקע וואָרט דאָס געשמאַקע“ (א. פעפער) האָט אים געפעלט פאַר דער נעגעבענער טעמע, האָט ער געפּרווט עס פאַרמאַסקירן דורך הויכע טענער.

אין „כאַרקאָוו“ און אין „ניט־געדייגעט“ האָט שוין פערעץ מאַרקיש דעמאָנסטרירט זיין דראַנג צו רייסן מיט אינסצעניִרונגען, זיין פעיקייט צו פאַרטיפטער, שטילער איבערלעבונג.

II

די פעיקייט צו פאַרטיפן, שטילן שאַפן פילט זיך אין די גרויסע צוויי ווערק: „ברידער“ „דאָר־אויס, דאָר־איין“.

מיר האָבן זיך אומקערן צו די „ברידער“ א צווייט מאָל — ווען מיר דאָ וועגן די „ברידער“ רעדן בלויז אין דער מאָס, וואָס איז נויטיק, קעדיי קלאָר מאַכן „דאָר־אויס“, דאָר־איין“.

אין טאָך זיינען ביידע ווערק איין גרויסע עפּאָפּעע, וואָס איר טעמע לאָזט זיך קימאַט פאָרמולירן אזוי:

„דאָס יידישע פאָלק אין דער מילכאָמע און רעוואָליוציע“, — ווייל יעדעס פון די צוויי ווערק איז ברייטער פון דער טעמע — דאָס יידישע שטעטל אין מילכאָמע און רעוואָליוציע.

אין ביידע ווערק זיינען געגעבן סיי די אקטיווע שולדיקער אין מילכאָמע־בייז, סיי די בויער פון דער רעוואָליוציע, סיי די פּאַסיווע קאָרבאָנעס פון געשיכטלעכן פּראָצעס.

די פּערסאָנאַזשן, וואָס ס'ראָוו פון זיי פאַרקערפערן סאָציאַלע קאַטעגאָריעס, זיינען אַפילע איין־און דיזעלביקע.

דער יידישער גוויר — דער פאַבריקאַנט און קריג־ליפעראַנט, דער אונטערדריקער פון יידישן און ניט־יידישן ארבעטער, די מילכאמע פיאווקע און דער זייל פון יידישער קאנטר־רעוואליוציע.

— ראכמיעל שפּילבארג („ברידער“), יוינע בערמאן („דאר אויס, דאר איין“). מיר האבן אין ביידע ווערק די פּוסטע, טאָמיד פארהאוועטע גווירישע שטוב, ווו מ'האט אומופהער מוירע דורכלאזן נאך א געשעפטל, און פונוואנען ס'רייסט זיך און ס'בענקט יעדער, ווער ס'איז נאך פעיק א טראכט טאן וועגן עפּעס אויסער „געשעפט“, ווער ס'איז מיד פון שטענדיקער פארקאָכטקייט אין רייך ווערן.

אין ביידע גווירישע הייזער, בא יוינע בערמאן און בא ראכמיעל שפּילבארג, איז דערפאר ציל א יינגע טאכטער, וואס בענקט צו מענטשן, וואס האבן זיך אפּגעקערט פון אט דער גווירישער זעטקייט און פאבריקאנטיש־סאכורישער וואָכעדיקייט, אדער וואס אנטלויפט פון אט דער שטיקנדיקער פּוסטקייט, קעדיי רייסן מיט אט דער וועלט (סערקע „ברידער“).

מיר האבן דא דעם דווירעסדיק־פארשקלאפטן, קנעכטיש־טרייען „מענטש“, וואס וופּט דעם גוויר הינטער די הויגן: „זיי“ און „רעבּ“ און גלויבט, אז ער און די גאנצע איידע יידן לעבן מיטן גווירס כעסעד און מאזל; דערדאזיקער „מענטש“ פארקערפּערט

דעם געמיט פון דעם יידישן עלטערן אנגעשטעלטן, וואס איז אף טאמיר געבליבן א גוזירישער מיטהעלפער, א קריגעריש־איבערצייגטער טרעגער פון זיין אידעאָלאָגיע (יעזוס מעקלער — „ברידער"; אדער זיין א שטיל־אונטערטעניקער קנעכט — רעב זאלמען — „דאר־אויס, דאר־איין").

פונדאנען גייט שוין דער קריג צו דעם סאציאלן קעגנער — צו די טרעגער פון רעוואליוציאנערן ווילן; דאס זיינען די הארעפּאשנע פאלקסמענטשן, די טרעגער פון סטיכישער אומצופרידנקייט און פון פארבארגענער קלאָלע דעם סאציאלן אומרעכט, וואס שלעפּן דאָך אונטערטעניק און פּאַטאַל דעם יאָך און אָל.— מענאכעם הירש דער שניידער און די שניידערקע („ברידער"), מאטל דער באלעגאלע, דער שוסטער („דאר־אויס, דאר־איין").

דאן קומט די גרופּע רעוואליוציאנערן — שלוימער־בער, אזריל, נעכאמע און זייערע מיטקעמפער („ברידער"), עזרע און זיינע מיטקעמפער („דאר־אויס, דאר־איין"). דערביי פירט מארקיש ביידע רעוואליוציאנערע גרופּעס פון זייער רעוואליוציאנערער יוגנט־דערפארונג פון 1905 יאר. ער נוצט אויס, קעדיי צו באווייזן, ווי ס'פאָרמירט זיך אויס זייערער רעוואָליוציאָנערער וועלט־געפיל,— דעם רעוואָליוציאָנערן פאָלקלאָר; ער דיכטעט איבערע דאָס רעוואָליוציאָנערע ליד און אנטפּלעקט איר אויסשליסלעכן געשיכטלעכן באדייט. ער לעבט אפּסניי אוף דאָס רעוואָליוציאָנערע ליד, ברענגט עס צו אַ דיכטערישן טיקן.

ביידע ווערק פילט מאַרקיש אָן מיטן גרויסן מענטשלעכן ווייטיק פון פאָטער־און מוטער־צאַער,— דורך מענדלען מיט פראַדלען („דאָר־אויס, דאָר־איין") און דורך דער שניידערקע מיט מענאַכעם־הערשן („ברידער"); ער לאָזט דערשפּירן דעם מוט און די אָפּפערווויליקייט פון די, וואָס קאָנען מעוואַטל זיין באַגלייך מיט זייער ליידן אויך דעם פאָטער־און מוטער־פּיין, ווייל די וועלט מוז סאָציאל אויסגעלייזט ווערן.

אופגעוועקט פון געזאַנג פון עזרעס מיטקעמפער, איז מענדלס וועג — דער אומעטיקער וועג פון דער פוסטער מיל צום באַן, ווו קיין טאָווארנע קומען שוין לאַנג ניט אָן, „אַ וועג מיט צוועלף ווערסטאָווע געשטרייפּטע סלופּעס, ווי מיט צוועלף שעליכים זיך אונטערגעגעבן, צו דער ווייט, צו דער וועלט", „ער איז אוועק אויסלייגן די צוועלף ווערסטאָווע סלופּעס זיינע, ווי צוועלף זין, זיי אוועקלייגן צופוסנס די אומבאַקאַנטע געסט, וואָס האָבן זיך פון אלע זייטן נאַכט אהער געטראָגן:— נאַט! זאָל דאָס זיין אונ'זער ברויט און זאַלץ".

אזוי פאַרענדיקט פּערעץ מאַרקיש „דאָר־אויס, דאָר־איין".

פּערעץ מאַרקיש ברענגט צום אומקום שלוימע־בערן און אַזרילן, און פירט זיי דערביי אַלעמאָל באגלייט דורך מאמישן צאַער:

„ס'האָט געוואַרט א מאמע, ס'האָט געוויינט א מאַמע...
און געגאַן אף וועגן — עפּשער עפּעס הערן".

און געהערט נאָר, ווי ס'לייענען די ווינטן אן אופגעבליטע בלאט:

„אין אָנפאַנג איז געווען געראַנגלעניש פאַר פרייהייט".



און ער פאַרענדיקט אויך („ברידער") מיט אָט דעם זיג פון נייער וועלט, וואָס באַרעכטיקט דעם גרויסן מענטשלעכן צאַער:

„פריידיק איז דער אָפּלי,— וואָגלדיקע בושלעס,
פריידיק איז דער צוריקקער — פרילינגדיק־באַגערט.
— איצטער איז די היים — א הילצערנע טיעפּלושקע,
— איצטער איז אַ פאָטערלאַנד — די קיילעכדיקע ערד!"

דיזעלביקע געשטאַלטן, דיזעלביקע אידעאָלאָגישע ציל־איינשטעלונג, דיזעלביקע סאָציאַלע פּערספּעקטיוו.

דורך אָט דער סאָציאַלער פּערספּעקטיוו זעט מאַרקיש, שאַצט און באַלויכט דעם געשיכטלעכן פּראָצעס.

ניט מער, אין איין ווערק איז דער טראָפּ אף די, וואס גייען אוועק און קומען אום, ווי פּאַסיווע קאָרבאָנעס פון געשיכטלעכן פּראָצעס. אין צווייטן — אין „ברידער" — איז דער אקצענט אף די אקטיווע בויער.

אָפּגעזונדערט זיינען ניט אָט די קאַטעגאָריעס איינע פון דער צווייטער. ביידע צוזאַמען שאַפן זיי דעם לעבעדיקן געשיכטלעכן פּראָצעס. אין דער קינסטלעהישער אַנטפּלעקונג איז אָבער מעגלעך און געזעצמעסיק, באַזונדערס פאַר אַ קינסטלער, וואָס מאַכט דורך א וועג פון די פּאַסיוו־אומקומענדיקע צו די אקטיווע בויער, אַזאַ צעטיילונג: שטעלן אין צענטער פון איין ווערק די דראַמע פון אומקום, אין צענטער פון צווייטן — די דראַמע פון בלוטיקן וועלט־איבערבוי.

שאַצן דאַרף מען יעדעס פון אָט די ווערק לויט דעם, וווהין פירט דאָס, מיט וועמענס גייסט איז עס באַהויכט — מיטן גייסט פון געשיכטלעך־פּארורטיילטע, אָדער היסטאָריש־אופגייענדיקע; לויט דעם, נאָך וועלכע וועלטן בענקט דער קינסטלער — נאָך פאַרגאַנגענע, אָדער אנטשטייענדיקע.

און דאָס מוז מען גלייך פונאָנהויב דערקלערן:

אף דעם וועג פון סאָציאַלן שטאַם, וואָס פון אים קומט פּ. מאַרקיש צו דער רעוואָליוציע, זיינען ביידע ביכער — סיי „ברידער", סיי „דאָר־אויס, דאָר־איין" — א וויכטיקער, ריזיקער שריט, האַגאַם ביידע ביכער („ברידער" ניט וויניקער פון „דאָר־אויס, דאָר־איין") זאָגן איידעס, אז אף קומען צו פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע האָט פּ. מאַרקיש געהאַט א ווייטן וועג אף דורכמאַכן.

דעמדאָזיקן וועג מאַכט דורך פּ. מאַרקיש מיט גרויסער קינסטלערישער אָנשטרענגונג. איינער פון די וויכטיקסטע באַווייזן איז דאָס:

מארקיש דער דיכטער האט פאַר מענדלען זיך באַנוגנט מיט פּראָזע; דיכטונג וואָלט דאָ געקאָנט פירן צו אַן האזקאָרע־עלעגיע, פאַר שלוימע־בערן מיט אזרילן האָט ער אָבער איינגעהיט דעם פערז; זיי האָט ער נעגעבן אין זיין מאנומענטאַלער דיכטערישער עפּאָפּעע:

דער עצעם זשאַנר איז דאָ ארויסגערופן פון דער דיכטערישער אידעאָלאָגישער געווענדטקייט.— די פּראָזע פארן אומקום, דאָס דיכטערישע וואָרט פאַרן פּאַטאָס פון רעוואָליוציאָנערן אָפּפער. דאָס איז ניט קיין קלאַל פאַר דער ליטעראַטור. אויך פּראָזע

קאָן געפינען אירע מיטלען צו געבן דעם פּאַטאָס פון רעוואָלוציאָנערן אָפּפער. דאָס האָט אָבער געקאָנט זיין א שעפערישער מוז פאר א שרייבער, וואָס איז ביז איצט בלויז דיכטער געווען; און ניט אָפּזאָגנדיק זיך אויך פון ב׳לייבן אף ווייטער דיכטער, פּרוּווט ער אויך ווערן אַ פּראָזאיקער.

III

„דאָר־אויס, דאָר־איין" איז אַ טייל פון אַ ווערק. מעגלעך אַפילע, אַז דער דערשינענער באַנד איז אַן ערשטער טייל פון א צוויי, עפשער דריי בענדיקן ווערק. דער צווייטער טייל וועט זיין די טקופע פון מיליטערישן קאָמוניזם, און דער דריטער טייל — דער אָנהויב פון ווידער־אופבוי.

דער פאראַנענער טייל גיט דערוייל דעם „דאָר־אויס".

פאר אונדזערן אַ שרייבער איז דאָס די ריזיקאַלסטע טעמע: ס׳לאָקערן אַף אים אַלע מאָל צוויי געפאַרן — שאפן אַ נאַציאָנאַליסטישע קדושע־קעהונע, אָדער אַ ניהיליסטיש־בונטאַרישן פּלאַקאַט. פאר די ערשטע 8־7 רעוואָלוצע־יאָרן האָבן מיר אין אונדזער ליטעראַטור געהאַט גענוג ביישפּילן פוןביידע זשאַנרען. ביישפּילן וואָלטן דאָ אַפילע ניט נויטיק געווען. אַלע געדענקען זיי. זיינען זיי אָבער נויטיק, קעדיי קלאָר מאַכן דעם וועג, וואָס די פּאָגראָם־טעמע האָט דורכגעמאַכט.

פאר הויפּט־ווערק איז דאָ צו באַצייכענען א. קושניראָווס „האזקאָרע", ד. האָפּשטיינס „טרויער", א. קיפּניסעס „כאַדאָשים און טעג" און פ. מאַרקישעס „קופּע".

די קינסטלעריש־פולקומסטע „האזקאָרע" און „טרויער" — ווערק פון גרויסער קינסטלערישער גאַנצקייט און האַשלאָמע — טרויערן און פארגיבן צוזאַמען מיטן פאָלק. זיי זיינען ווייטיק און כאָכמע פון נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו, פון דער אין זיך אָפּגעשלאָסענער נאַציע.

אַ. קיפּניסעס קינסטלערישער פּרימיטיוו גיט דעם פּארצעף פון אָפּגעשטאַנענעם און פאַרגרעבטן יידן, וואָס קיפּניס איז נאָך שטייגערדיק און אינטעלעקטועל איינס מיט אים.

פ. מאַרקישעס „קופּע" איז דער בונט קעגן נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו פון אַ מענטשן, וואָס איז ביז נעכטן דאָרטן געשטאַנען און וואָס פאַרמאָגט נאָך ניט קיין אַנדערע וועגן אין וועלט אַריין. ווייל „קופּע" איז דאָך געווען אַנטקעגן מאַרקישעס אײדע, איז עס אָביעקטיוו געווען דאָס רעוואָלוציאָניזירנדיקסטע ווערק פון אונדזער גאַנצער פּאָגראָם־ליטעראַטור: ניט אומזיסט האָבן אַלע צייטלענס עס אַזוי מאַכרים געווען.

קיין אנדערס פון אונדזערע פּאָגראָם־ווערק האָט אַזוי ניט מעכאַלעל געווען און איז אַזוי ניט געווען אין קעגנזאַץ צו דעם „קידעשהאַשעם"־אינטערפּרעטאַציע, ווי די „קופּע".

נאָך די „קופּע", ווי די דערמאָנטע דריי ווערק, איז אין טאָך געבליבן אין די ראַמען פון דער נאַציע פון דער איינהייטלעכער נאַציאָנאַלער דראַמע. ניט די גרויסע סאָציאַלע וועלט־פּראָצעסן, וואָס האָבן גוירעם געווען צו „קופּע", ניט די סאָציאַלע



קאָנפליקטן, וואָס קומען פאָר אין דער נאַציע גופע און ברענגען צו אַ פאַרשיידענער באַציונג פון פארשיידענע שיכטן אין דער נאַציע צו די וועלט־שלאַכטן און צו זייערע „קופּע"־רעזולטאַטן. — אָט דעם גאַנצן קאָמפּליצירטן געשיכטלעכן קאָמפּלעקס האָבן אָבער יענע ווערק ניט באַמערקט. זיי זיינען דערום אַפילע אין זייער פּאָעטיק — אין דער „האזקאָרע־נוסעך" (אַ. קושנירעוו), אין דער איעוו־אַסאָציאַציע (ד. האָפּשטיין), אין דער „צו גאָטס נאָמען"־ארנאַמענטיק (פ. מאַרקיש), און ל. רעזניקס אַווידע־סימבאָליק — געבליבן אינגאַנצן באַ דעם דוירעסדיקן קנעסעס־יִסראָעלדיקן וואָרט.

פ. מאַרקיש אין „דאָר־אויס, דאָר־איין" גייט אַרויס פון די ראַמען פון נאַציאָנאַלן. מענדלס אומקום איז דאָ אַ סטאַקל פון וועלט־פּראָצעס. אין יענע אַלע ווערק איז פּאָגראָם נאָך דעריבער אַ יידישער כורבן, אַפילע באַ מאַרקישן אין „קופּע" שטאַמט ער סטאָט פון „ניינצן בלינדע מאַגדאַלינעס". אין „דאָר־אויס, דאָר־איין" איז ער שוין אַ בלאַט פון מילכאָמע און רעוואָלוציע. טאַקע דערפאַר, וואָס מאַרקיש האָט שוין גענומען דערזען דאָס נאַציאָנאַלע אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן, סאָציאַלן, פאַרנעמט שוין באַ אים אין „ברידער" דער פּאָגראָם אַזאַ קנאַפּ אָרט. נאָר אין „ברידער", ווי ס׳איז אָנגעוויזן געוואָרן, איז דער טראָפּ אַף דעם אַרבעטער־רעוואָלוציאָנער, אַף דעם בויער פון נייער וועלט, בעיס אין צענטער פון „דאָר־אויס, דאָר־איין" איז דאָס געשיכטלעך־פאַרורטיילטע. דערפאַר איז דאָ פּאָגראָם אין צענטער.

אָבער אָט דער ענגער צענטער איז שוין אָבער באַלויכטן מיט שיין פון גרויסן סאָציאַלן פּראָצעס. דערדאָזיקער פאַקט האָט דערלויבט מאַרקישן אויסמיידן ביידע פריער אָנגעמערקטע געפאַרן. מאַרקיש האָט דיפערענצירט זיין „קופּע". ער האָט דערזען, אַז אויסער דער „קופּע", אָן קיין שום שייכעס צו איר, זיינען פאַראַן רעוואָלוציאָנערע קעמפער — עזרע, סאָניע, מאָטל — איז פאַראַן דער יידישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער, וואָס איז פאַר דער גאַנצער נאַציאָנאַלער „קופּע" טאָמיד געווען נאָר בערל־קאַטאָרזשאַן. ער האָט דערזען, אַז אויך אין זייער אומקום זיינען זיי אופקום און ניט קיין לייזיקע „קופּע" — ווי ער האָט דיכטערישן דרייסט געהאַט צו קוואַליפיצירן די פּאַסיווע פּאָגראָם־קאָרבאָנעס; זיי זיינען אופקום, ווייל זייער מוט צום אומקומען שטאַמט ניט פון זייער נ׳אַציאָנאַל־יידישלעכן נעכטן, נאָר פון זייער סאָציאַל־פּראָלעטאַרישן היינט.

אָט די נייע קראַפט האָט מאַרקישן דערלויבט ניט בלויז אָפּטיילן פון אַלע ראַבאָנים און גוירים, ראַבאָנישע פילאָזאָפיע־דאָקטוירים און גווירישע פיין־איידעמישע מיניסטאָרן די געזונטע פאָלקסמענטשן, ווי מאָטל באַלעגאָלע, נאָר אויך איינזען דאָרט אָביעקטיוו מענדלען.

IV

וואָס איז מענדל? — צי איז ער נאַציאָנאַלע אידעע? די פאָרזעצונג פון דער „גאָלדענער קייט" פון מסירעסנעפעש צוליב קידעשהאַשעם?

ניין, מענדל איז ניט קיין אייביקע אידעע; ער איז אַ לעצטער פאַקט.

ווען נאַציאָנאַליסטישע שרייבער זיינען געקומען צו דער „קידעשהאַשעם״־טעמע — ווי האָבן זיי זי געגעבן? זיי האָבן זי געוויינטלעך אזוי אנטפלעקט:

אין יעדן יידן — באַנץ גלייך אין דעם לאַמדן, צי אין דעם שטומען סאָטיע, אָדער אַפילע אין דעם פאַרפרעמדטן אַריסטאָקראַט־לעבט דאָס „פינטעלע״ און ווען ס'קומט דער ניסאיען, וועט עס אופברענען אין אים און ער, דער ייד, וועט זיך מויסערנעפעש זיין „על קידש־השם״.

יעדער איינער, אַלע ווי איינע. ס'קאָן טרעפן, אַז דער קלאַל זאָל אַף אַ ווײַלע פארזינקן אין זינד; קומט אָבער דער יאָכיד און ווייזט אים אַ ביישפּיל, ווערט דער קלאַל מיטגעריסן, און אַלע ווי איינער גייען אומקומען פאַר גאָטס וואָרט אין גאָטס נאָמען.

פ. מאַרקיש איז מיילן־ווייט פון אַזאַ אינטערפּריטאַציע, דער קאָלעקטיוו איז פויל און פאַרפוילט. קיין איינער אין שטעטל איז ניט פעיק נאָכגיין מענדלען.

ס'קומט פאָר יאָמקיפער אַן אַנטירעליגיעזע דעמאָנסטראַציע, נאָר די געטער אין שול זיינען טויטע. לעצטע זקיינים באַוויינען זיי און גייען ניט פירן מילכאָמע פאַר זיי — „קנאת ה' צבאות״. בלייבט העננען דעריבער אינדערלופטן דעם אַלטן רעב סענדערס כיירעם־אויסגעשריי: ער איז אַזוי שוואַך, ווי זיינע „דאַרע אויסגע־טריקנטע קולעקעס״.

אין מענדלס צאַער איז דאָ מער פאָטער־צאַער, וואָס דער נאַכעס פון קינדער האָט זיך אים ניט איינגעגעבן, ווי רעליגיעזער אַגמעסנעפעש. וועגן רייסן דערפאַר מיט זיין זון — וועט ער אַפילע קיין קלער ניט טאָן.

דער צווייטער פאַל:

הינטער דער שטאָט ליגן די האַרוגים. קיינער וועט זיך ניט איינשטעלן פאָרן זיי ברענגען צו קייווער־יסראָעל. „כ'ל ניט פאָרן, רעב מענדל, דערהאַרגעט מיך אָט דאָ אפן אָרט. כ'ל ניט פאָרן״ — טיינעט מאָטל באַלעגאָלע. קיין אנדערער וועט ניט פאָרן, ווייל פאַר יעדערן קלינגען דאָ פוסט די ווערטער וועגן „קידעשהאַשעם״.

מענדל פאָרט. פאַר וואָס? ווייל —

„באַ מאָטעלע באַלעגאָלע אין אַלקער איז אין איינעם פון די ווינקלען געשטאַנען אַן עמער מיט פאַרדאַרטן קלייסטער, און די באַרשט איז געווען איינגעוויקלט אין אַ דעקרעט, וואָס מאָטעלע פלעגט פאַנאַנדערקלעפן איבער דער שטאָט. עפּעס האָט זיך פון אָט דעם עמער מיט קלייסטער געצויגן א וועג צו עזרען און פון עזרען צו מענדלען און פון זיי ביידע — אַהין, צום פלאַנט, אין פעלד אריין, דאָרט, ווו ס'זיינען געלעגן די האַרוגים. און ס'האָט אים געטריבן, מענדלען, ס'האָט אים געיאָגט. ער האָט אליין וועגן דעם זיך ניט אָפּגעגעבן קיין קלאָרן כעשבן. נאָר געפילט האָט ער, אַז ערגעץ ווייט איז דאָ פאַראַן עזרע. ער זעט אים ניט. נאר ער איז דאָ פאַראַן. ער פילט, דאכט זיך, ווי עזרע לייגט אים אַרוף די האַנט אַף דער פּלייצע און שמייכלט צו אים מיט ליבע:

אוי, טאַטע, טאַטע!

און ס'גיט זיך אין אים עפּעס אַ בראָך. און ער ווייס ניט וואָס. נאָר ער וויל שוין וואָס גיכער ארויס, אַוועק ערגעץ פון דאָרט, פון פלאַנט, הערט ער עזרעס קאָל: „אוי, טאַטע, טאַטע!״ — און ער גיט נאָכאַמאָל א געשריי צו מאָטעלע באַלעגאָלע:



— נו, שפּאַן, מאָטל! גיך, ס'ט אַליין פאָרן! אליין״ (ז. 286, זע דאסזעלבע ז. 288).

„פינטעלע ייד״ איז שוין ווייניק פאר אַזאַ שריט, ווי פאָרן אין טויט־געפאַר ברענגען א טויטן צו „קייווער־יסראָעל״. דעריבער איז פאר דער גאַנצער שטאָט מענדלס שריט בלויז אַן איינשטעלעניש אף צו גאַפן און צו באַוואונדערן, און ניט קיין מאדרייגע אַף ציען זיך צו איר. מענדל גופע קומט צו אָט דער מאַדרייגע דורך „פינטעלע טאַטע״.

און דערפאר זיינען די דריי פארבלוטיקטע שטיקלעך לייוונט, וואָס מענדל שניידט אָפּ פון די האַרוגימס העמדער, ניט קיין „דריי מאַטאָנעס״, ווייל יענע פע־רעצעס יידן — זיינען פעיק געווען זייערע זין מאפקיר זיין פאַר זייער יידישקייט, און מענדל קומט צו זיין מסירעסנעפעש דורך זיין זון, דורך עזרען.

דער יעסאָד פון מענדלס געשטאַלט, דער קוואַל פון אלע זיינע איבערלעבונגען איז זיין פאָטער־געפיל.

אַ געזונטער כוש פון א קינסטלער מיט גרויס געפיל צו מענטשן־ליידן און צו לעבנס־עמעס האט דאָ אָנגעפירט מיט פערעץ מאַרקישן. ער האָט געבויט דאָס ווערק אַף שטאַרקסטן געפיל, וואס איז אינסטינקט — אַף פאָטער־געפיל, באהעפט גרויסע טאָציאַלע געשעענישן צום אינטים־מענטשלעכן; דעריבער האָט ער אויסגע־מיטן רעוואָליוציאָנער־אידעאָלאָגישן סכעמאַטיזם און נאַציאָנאַליסטישע באַנאַלקייט. ער האָט ניט געמאַכט די גאַנצע אונטערגייענדיקע וועלט פאר איין שטינקנדיקער קופע. ער האָט מיט אָביעקטיווקייט און טיפן ערנסט געזוכט און אויסגעפונען דאָס בעסטע — און דאס איז גאָדל דער מעשוגענער, וואָס גאַרט אַ סאָף מאכן צו וועלטס גאָלעס, און מענדל — דעם מענטש־פאָטער. אויך זיי ביידע טויגן בלויז אַף אומקום און ניט אַף ראטעווען וועלט פון אומקום.

מיט מאַרקישעס פען האָט געפירט זיין גרויסע אידעע פון וועלטס נייע וועגן, פון „איצטער איז א פאָטערלאַנד די קיילעכדיקע ערד״ און ניט קיין אידעע פון יידישן פאָלק; אָט די קראַפט האָט אים שוין געגעבן די מעגלעכקייט בלייבן אָביעקטיוו.

אלע מאָל האָבן קינסטלער באַוויזן די וועלט, דעם קעגנער־סוביעקטיוו פון שטאַנדפונקט פון זייער קלאַסן־אידעאָלאָגיע.

די מעגלעכקייט אביעקטיוו ווייזן די וועלט, אָביעקטיוו ווייזן דעם קעגנער, דעם „דאָר אויס״, וואס דאַרף און מוז ארויסגעשטויסן ווערן, איז געגעבן געוואָרן בלויז דעם קינסטלער, וואס שפּייזט זיך מיט דעם גייסט פון פּראָלעטאַריאַט, פון קלאַס, וואס מאַכט אַ סאָף צו קלאסן.

אין דער מאָס, וואס מאַרקיש טרינקט פון אָט דעם קוואל, — גיט זיך אים דאָ איין בלייבן באַם קינסטלערישן לעבנס־עמעס.

דערפאַר איז מענדל ניט קיין נאַציאָנאַלע אידעע, נאר אַ באַדייטנדיקער מענטשן־פאקט; ער איז פארקערפּערטער מענטשלעכער פאָטער־פּיין. אָט דעם פּיין האט מאַרקיש אנטפּלעקט אין מענדלס ראָמען די שטוב אין שטילער האָפענונג, אַז דער זון וועט דאָ פרידלעך וווינען, אין מענדלס נאָכפאָרן דעם פארמישפּעטן סאָלדאט,

עזרען, אין דעם גאַנץ אַראָפּנעמען פֿון עזרען דעם אַל, לײַכטער מאַכן אים זײַן גורל און לינדערן אים זײַן געמיט:

אין געלעכטער פֿון גענוראַנג, האָט מען מענדלען צוגעשטופּט צום גרינעם פּאַרק, ווו עזרע איז געשטאַנען אַנגעשפּאַרט און געוואַרט אף אַ פּאַרטיע.

עזרע האָט אים דערזען.

פֿון מענדעלס אויגן האָט געזעצט אַ היץ. זיי האָבן איצט ניט געפּיבערט פֿונעם אָרעמען מילנערס פּאָנים, נאָר פֿון דער גאַנצער וועלט. דער אָרעמער מילנער האָט ניט געוואָלט פֿאַרשאַטן זײַן קינד קיין צאַער מיטן ערשטן וואָרט, וואָס ער, זײַן זון, וועט אים דאַרפֿן זאָגן, — האָט ער זיך אַליין אָנגערופֿן צו אים, פּונקט ווי ער וואָלט זיך שוין מיט אים געזען:

— ס'איז איך, איך!

ס'האָט אים איבערגעהאַקט דעם אָטעם.

— „איך, גאָרנישט, מיסטאָמע איז אַזוי בעסער” (140).

מיט טיפֿן ערנסט פֿון גרויסן מיטליידן האָט פּ. מאַרקיש דערהויבן צו אַ גרויסער הויך דעם מענדל-געשטאַלט. גראַד דורך אָט דעם געשטאַלט האָט ער געוויזן די פֿאַרורטיילטקייט פֿונעם „דאָר אויס”, פֿון זײַנע לעבענס-האַסאָגעס און וועלט-יעסוידעס.

קאָנען פֿון טויטן מענדלען אַראָפּהענגען „דרײַ שטיקלעך פֿאַרבלוטיקטע העמד, אַרײַנגעשטעקטע אין זײַן גאַרטל” — קיין רוף צו עזרען, גיין אף מענדלס וועגן, וועלן זיי ניט זײַן:

„פֿון דער נאָענט האָט שוין דײַטלעך זיך געטראָגן אַ נײַע קאַנאָנאַדע”. זי פֿירט און מיט איר פֿירט אָן עזרע, ווײַל „יעדערער איז דאָ עזרע, און עזרע איז דאָ יעדערער”.

מענדל אָבער איז איינער. קיינער באַ אים אין קאָלעקטיוו איז שוין צו אים ניט גלײַך.

דערפֿאַר שטייט זײַן זון עזרע און גאַפֿט באַ זײַן טויטן קערפּער:

„ווער האָט אים אַרײַנגעשטעקט אָט די פֿאַרבלוטיקטע שטיקלעך העמד?” קיין סימבאָל ווערן זיי פֿאַר אים ניט, ווײַל קיין פֿאָן זײַנען זיי שוין פֿאַר קיינעם ניט;

פֿאַרקערט, עזרעס וועג איז אַ וועג פֿאַר וועלטן:

„יעדערער איז דאָ עזרע, און עזרע איז דאָ יעדערער”.

V

פּ. מאַרקיש גאַרט מיט זײַן דיכטערישער אָנשטרענגונג מיטהעלפֿן קומען צו עזרעס וועג. נאָר צו עזרען גופֿע און עזרעס מיטקעמפֿער איז אים ווײַט.

בערל קאַטאָרזשאַן האָט מאַרקיש געזען, נאָר קיין לעבן מיט אים ניט דורכגעמאַכט. זײַן לייד און פֿרייד ווייזט ער ניט. ער פֿילט געוויס מיט זײַן וועג, ער גאַרט גיין מיט אים. נאָר ווי אַזוי בערל קאַטאָרזשאַן גייט, ווייזט ער ניט.

פּ. מאַרקיש זעט די פּעדימער, וואָס פֿירן מענדלען צו זײַן צאַער אף דער יאַמקיפּער-דעמאָנסטראַציע און צו זײַן גיין ברענגען בערל קאַטאָרזשאַן צו „קיוועריסראַעל”, ער אַנטפּלעקט אָבער ניט, ווי אַזוי איז בערל קאַטאָרזשאַן געקומען פֿון



עלי-לייזער דעם קאָוועלס בלאָזאָק דערצו, ער זאָל יאַמקיפּער מיט „גויאישע קלעזמער” זיך לאָזן צו דער שול, און ווי אַזוי ער קומט אום, בערל קאַטאָרזשאַן.

נאָך שלוימע-בערן מיט אורילן איז ניט שייעך זאָגן, אַז מאַרקיש פֿילט דאָס ניט און ווייסט עס ניט. ער האָט עס אָבער אין „דאָר אויס, דאָר איין” ניט באַוויזן. ער האָט דאָ מער קאָנסטאַטירט פֿאַקטן, געשטאַמט האָט עס דערפֿון, ווײַל ער האָט זיך דאָ קאָנצענטרירט דעריקער אף דעם „דאָר אויס”. אַ פֿעלער פֿון בוך בלײַבט דאָס, בפֿראַט, אַז פּ. מאַרקיש איז דאָס אין אַ געוויסער מאָס אימשטאַנד געווען אויסמײַדן.

ווי אַזוי? מ'האָט באַדאַרפֿט געבן יוינע בערמאַנס אַרבעטער, אַ מילכאָמע-שטרײַק באַ בערמאַנען — אַזעלכע זײַנען געווען. מ'האָט באַדאַרפֿט און געקאָנט געבן בערל-קאַטאָרזשאַנס עוואַקואַציע און אומקום. פּ. מאַרקיש — „ברידער” זאָגן איידעס — איז מעסוגעל געווען עס צו געבן.

דאָ האָבן מיר צוטאָן מיט קאָנסטרוקטיווע פֿעלערן פֿון ווערק. אַנדערש איז אָבער, ווען פּ. מאַרקיש ווײַזט אונדז עזרעס אונטערערדישע אַרבעט. דאָ האָט ער צוטאָן מיט פֿרעמדן מאַטעריאַל. אַליין געזען האָט ער די אונטערערדישע אַרבעט ניט. און לויט מאַטעריאַלן האָט ער זי ניט גענוג דורכגעשטודירט. אַזוי איז די אונטערערדישע וווינונג — סאָניעס וווינונג — אַזוי איז די טורמע, די מיליטערישע דעמאָנסטראַציע.

און דאָך האָט פּ. מאַרקיש געגעבן אַ רייע אָנגעשטרענגטע סיטואַציעס און געשאַפֿן צוויי געשטאַלטן: סאָניען און עזרען.

פּ. מאַרקיש האָט געבויט אַלע פֿיגורן אף שטילע טענער. געזען אויסמײַדן דאָס גראַדליניקע. בויגט ער דאָ צומאָל איבער דעם שטעקן און פֿאַלט אַרײַן אין שאַרזש. סאָניע קאָן ניט זײַן בלויז גרויס ווי אַ רעוואָליוציאָנערן, — שרײַט זי: „מע מוז האָבן דאָס וויסק”; זי וואָלט ווערן דערמיט קאָמיש, ווען ס'זאָל זיך ניט פֿילן, אַז דאָס איז בלויז מאַרקישעס אַ שלעכטער אײַנפֿאַל.

צוליב אָט דעם און ענלעכע פֿעלערן טאָרן אָבער דאָך די געשטאַלטן פֿון די אינטעליגענטן-רעוואָליוציאָנערן — סאָניע און, פֿריער פֿון אַלץ, עזרע — ניט ניטדערשאַצט ווערן.

סאָניע — די רעוואָליוציאָנערן, וואָס רײַסט אַזוי אירע פֿאַמיליען-באַציונג מיט אַ שלעכטן אינטעליגענטישן היסטאָריקער, סאָניע די רעוואָליוציאָנערן — די מוטער — דאָס זײַנען לײַסאַמע אַזעלכע צײַכענונגען פֿון אַ רעוואָליוציאָנערן, וואָס די יידישע ליטעראַטור פֿאַרמאָגט נאָך ניט צו ווײַזן — די ווײַטלעך וועגן טויט פֿון קינד זײַנען רירנדיק, באַדײַטנדיק און טון אַ פֿאַרנעם.

בעפֿיירעש אַ באַדײַטנדיקע פֿיגור און איינע פֿון די ערשטע אין דער גאַלאַריי פֿון רעוואָליוציאָנערע פֿיגורן אין דער יידישער ליטעראַטור איז עזרע. דאָס איז אַ רעוואָליוציאָנער, אַ אינטעליגענט. נאָר זײַן וועג פֿון אַ אינטעליגענט, מיט זײַן צומאָל יעכידישן בונט און עטיש-עסטעטישן פּראָטעסט (אַזאַ איז זײַן וויזיט צום ראַבינער), מיט זײַן וועג — פֿון היימישע קלײנשטעטלדיקע יידישע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס דורך אוניווערסיטעט, צו אונטערערדישער רעוואָליוציאַנערער אַרבעט און צו דער אָקטיאַבער-רעוואָליוציע, — אָט דער וועג איז אָנגעמערקט.

נעבן די יידישע אינטעליגענטן מיילעכס און כאַיעם־מוישעס (ד. בערגעלסאָן) האט זיך איצט אַוועקגעשטעלט דער אינטעליגענט — דער רעוואָליוציאָנער — עזרע. ער איז נאָך ניט אַזאַ פולקומער קינסטלערישער אויסדרוק פון א רעוואָליוציאָנער, ווי יענע זיינען געווען טיפּיזירנדיקע געשטאַלטן פון פאַרייעשטן אינטעליגענט, ער איז אָבער פון די ערשטע אין דער קינסטלערישער גאלאריי פון יידישע רעוואָליוציאָנערע אינטעליגענטן.

VI

„דאָר אויס, דאר איין" איז אַ פריש און וויכטיק ווערק, א באַדייטנדיקער פאַקט פון אונדזער סאָוועטישער פּראָזע.

פריש און רייך אין ווארט און אין בילד. מארקיש נוצט גליקלעך אויס זיינע פאמפלעט־נויגונגען:

„אהערצו קומען אלע שאבעס יידישע באקאַליישטשיקעס מיט סידורים און טאלייסים — אפשפּאָרן אביסל מאָגערן אוילעמהאַבע" (10).

„ער האט אַף די פינגער געמאכט מיט זיין טאטן דעם לעצטן כעשבן פון פאַרעס מאַקעס, און דערפילט, אַז ערגעץ רייסן זיי, די מאַקעס, דא, נאָענט אַרום אים" (16).

אַ ריי פעסטע און איינדרוקפולע בילדער:

דער געשלעג פון הוצל מיטן מעשוגענעם, די מילכאָמע־אטמאָספער, די מאבי־ליזאַציע־געפאַר, די טאַמבאָווער קאַזאַרמע, די יידישע סאָלדאַטן דארט און די באַ־לעטויוועס, פּאָגראָם־בילדער: דעם נעמאָנס און מעשוגענעמס טויט, דער באַל באם אטאמאן און די געשיכטע מיט קאנאריקס טאָכטער * — דאס אלץ איז א סעריע געשטאלטן, וואָס מאַרקיש שענקט זיי געציילטע זייטלעך, נאָר וועלן בלייבן קימאט באַגריפן — פון איין זייט, מאָטעלע באלעגאָלע, פון דער צווייטער — דער יידישער מיניסטער, דער טאַמבאָווער קאַזיאָנער ראָוו, צי די גאַנצע בערמאנס פאמיליע און בערמאנס נעמאָן.

דאָס זיינען אלץ עלעמענטן פון באַדייטנדיקן אקטיוו פון אָט דעם בוך.

מוז מען דעריבער מיט גרויס פאַרדראָס אונטערצייכענען, וואס דעם ווערק פעלט די אַקשאָנעסדיקע שרייבערישע לעצטע רעדאַקציע, וואָס וואלט באדארפט קירצן די דיאַלאָגן, וואָס זיינען צומאָל איבעריק, פאלן אַריין אין שאלעם־אַלייכעמיאַדע (ז. 10, 17 א. א.), עפּיזאָדן און איינצלהייטן, וואָס שמעקן מיט באנאליטעט: סאָניע „האלט אין קעשענע שטענדיק אַ פאַריק מיט בלויע ברילן" (118).

פאַראַן אויך אַן אָרגאנישער סיוזשעטישער פעלער:

די רעוואָליוציע איז בלויז אַ יידישע. ניט־יידן זיינען דאָ נויטיק ניט צוליב דער אידעע פון אינטערנאַציאָנאַליזם. מ'קאָן געבן אַ ווערק, וואָס זאָל פאַרמאָגן אַ

---

* דא וועט קעדיי זיין צו פארצייכענען, אז אין יעסאָד ליגט דאָ אַ געשיכטלעכער פאַקט — פאַסירט אין טשורנאָוו (וואלין). דער פאקט איז פארפיקסירט אין די מאטעריאַלן פון ייד. געזקאָם.



גאַנצן אינטערנאַציאָנאַל מיט פיגורן און ס'זאָל זיין נאַציאָנאַליסטיש; פאַרקערט, אַ ווערק בלויז פון יידישע געשטאלטן און ס'זאָל זיין פריי פון שאָוויניזם. ס'איז אָבער סיוזשעטיש פאלש, ווען אַף א באָלשעוויסטישער אונטערערדישער ווינונג, אַף אַ אַנטי־אימפעריאליסטישער מיליטערישער דעמאנסטראַציע אין אָרלאָווער צענטראלער טורמע זיינען פאַראן בלויז יידן־רעוואָליוציאָנערן.

זאָל זיך דאָ מאַרקיש ניט פרווון פארענטפערן, אַז ער קאָן ניט דעם ניט־יידישן רעוואָליוציאָנער, האט ער אים דעריבער ניט באשריבן. ער קאָן אויך קנאַפּ די אנטי־אימפעריאַליסטישע מיליטערישע דעמאָנסטראציע, דאָך האט ער זי באשריבן, ווייל דאָס ווערק האט עס געפאָדערט. אַ שרייבער גיט אלע מאָל אַנדערש, פארענדיקטער די געשטאַלטן, וואס זיינען אים אָרגאניש, אַזוי צו זאָגן, זיין סאָציאַלן איך, און וויניקער פולקום, וויניקער אָביעקטיוו זיין סאָציאלן ניט־איך.

א קינסטלער קאָן אָבער זיך ניט דערלויבן בויען קיין געקינסטלטע וועלט, ווו ס'לעבן בלויז זיינע געשטאלטן און מער קיינער ניט. ער פעלשט דאן קעגן זיינע אייגענע געשטאלטן.

פ. מארקישעס בוך פארמאָגט באַשטימטע פעלערן. ס'ווייזט נאָכאמאָל, ווי שווער ס'איז דער וועג פון אַ שרייבער, וואָס איז געקומען פון „סטאם"־אַ וועלט און זיך אַ „צעכראסטעטער" געריסן פון אָט דער „סטאם"־וועלט; עס ווייזט, ווי שווער איז זיין וועג צו אָרגאניזירטער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע.

דער בוך זאָגט אָבער איידעס, אַז מיט גרויס אנשטרענגונג, מיט געפיל פון אכראיעס און מיט באַדייטנדיקן דיכטערישן דרייסט מאַכט פ. מארקיש דורך אָט דעם וועג.

זיין בוך איז באַ אלע זיינע קלענערע און גרעסערע פעלערן אַ געשעעניש אין דער יידישער סאָוועטישער פּראָזע.